## מענדעלע מוכר־ספֿרים

# דער בײַבאַק *

### אַ בלעטל פֿונעם דניעווניקי ישׂראליק דעם משוגענעמס

1 ׳גליקלעכער בײַבאַק, דו פֿרעסט, זויפֿסט, פֿאַקסט אָן אַ בײַכל, ווי ווײַט עס גייט נאָר אַרײַן, און פֿאָפֿסט זיך דערנאָך איבער די שלעכטע ווינטערצײַט אין דײַן לאָך, ווי אַ שיכּור ערגעץ אין אַ קאַנאַווע, ניט וויסן פֿון דײַן חיות, פֿון דײַן געזונט און לעבן! גליקלעכע איר אַלע גרויסע און קליינע חיהלעך, וואָס דאָס פֿאָפֿן איז אײַך אַ מתּנה פֿון זײַן ליבן נאָמען! אַז וויל און גוט איז אײַך סקאָטינעס,[2] פֿעפֿערס!׳

2 אָט אַזעלכעס האָט זיך מיר הײַנט אין אַ מיאוסער אָסיען־צײַט געטראַכט. די פֿאָגאָדע[3] איז פֿויל, ס׳איז חושך, נאַס און קאַלט. אַ געדיכטער פֿאַרעיפֿושטער טומאַן שלעפּט זיך אין דער לופֿט און פֿאַרשטעלט דעם הימל, ניט דורכלאָזנדיק דורך זיך קיין איינציקן שטראַל (!) פֿון דער ליכטיקער זון. מענטשן זינקען אין בלאָטע און זעען פֿאַר זיך ניט די שײַן.

3 ׳גליקלעכע חיהלעך פֿעפֿערס! פֿאַר אײַך איז די וועלט תּמיד זייער אַ פֿײַנע, אַ מילדע, אַ גוטע; פֿאַר אײַך שײַנט זי פֿינקלט אין איר זומער־קלייד, פֿאַרפּוצט מיט אַלערליי שמעקנדיקע בלומען. זי מאַכט אײַך אַ ברייטן ברוך־הבא מיט כּיבוד ווי אויף אַ באַל און אײַך איז ניט באַשערט אָנצוקוקן זי אין ניגלעזשע.[4]

* איבערגעשריבן פֿון מינסקער שטערן, נומ׳ 1, 1936, ז״ז 6–12. א. וואָראָבייטשיק שרײַבט צו אַ באַמערקונג, אַזוי צו זאָגן: ׳די דערציילונג איז דערהאַלטן געוואָרן אי אין שמיר־עקזעמפּלאַר, אי איבערגעשריבן אויף ריין. די לעצטע רעדאַקציע איז אַ ביסל געענדערט לגבי דער ערשטער. צום באַדויערן איז דער ריינער עקזעמפּלאַר שטאַרק באַשעדיקט. דאָ האָב איך זיך געהאַלטן דער עיקרשט בײַ דער לעצטער רעדאַקציע מענדעלעס. נאָר אין די פֿאַלן, ווען אין דעם ריינעם עקזעמפּלאַר האָבן געפֿעלט גאַנצע שורות, האָב איך געמוזט אָנקומען צו דער הילף פֿונעם שמיר־עקזעמפּלאַר. אין די פֿאַלן, ווען ביידע רעדאַקציעס זײַנען זיך באַשײַמפּערלעך פֿונאַנדערגעגאַנגען, האָב איך די אַנטליִענע פֿונעם שמיר־עקזעמפּלאַר שורות גענומען אין קאַנטיקע קלאַמערן. עטלעכע האַלבע שורות האָט זיך מיר בכלל ניט אײַנגעגעבן אויפֿצושטעלן; דאָרטן האָב איך געשטעלט שורות מיט פּינטעלעך. די מאַנוסקריפּטן געפֿינען זיך אין מענדעלע־אַרכיוו, אין אַלאוקראַיִנישן מוזיי פֿאַר ייִדישער פּראָלעטאַרישער קולטור א.נ. פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים, אין אָדעס. די נומערן פֿון די מאַנוסקריפּטן זײַנען: 1186/1; 1186/2; 1186/3׳. דער מענדעלע מוזיי עקזיסטירט שוין משמעות ניט, זינט דער דײַטשער אָקופּאַציע פֿון אָדעס אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. בײַם איבערשרײַבן האָבן מיר געענדערט נאָר דעם אויסלייג.

די פֿריִערדיקע פֿאַרפֿאַרבטע אויסגעפּוצטע דאַמע, מיט אַ פֿרײַנטלעך זיס שמייכעלע ווערט, אויסטועענדיק די באַלאָווע קליידער, אַ מיאוסקייט, אַ שלאַק, אַ קאַרגע, אַ בייזע זלידניע,[5] נישט אויסצוהאַלטן פֿון אירע קאַפּריזן׳.

4 איך ליג אויפֿן דיוואַן לעבן טיש, אויף וועלכן ס׳איז אָנגעלייגט ביכער און גאַזעטן, אַזעלכע ווי עס פּאַסן צו דער הײַנטיקער פֿינצטערער משוגענער פּאָגאָדע, און אויפֿן האַרצן איז מיר שטאַרק ניט פֿריילעך, אַ שרעקלעכע מרה־שחורה. די נשמה מײַנע פּאַדיעט[6] אַרום, אַהין־אַהער, ווי נוחס טויב, און קען נעבעך קיין אָרט נישט געפֿינען, ווו זיך כאָטש אַ ביסל אויסצורוען. אין דער וויסטער, פֿינצטערער הײַנטיקער פּאָגאָדע דאַכט זיך איר דער מבול, און יענע מיני צוויי־גאָרנדיקע גאַזעטן מיט דער כּנופֿיה קאָרעספּאָנדענטן אונטן און אויבן קומען איר פֿיר ווי די תּיבֿה מיט אַלע מיני חיות, בהמות און שרצים דאָרט. עס הערט זיך איר אַ געשריי פֿון אייזלען, אַ בילן פֿון הינט, אַ האַווקען, אַ וואָיען, אַ ריטשען, אַ מיאַוקען, אַ ליאַרעם, אַ געפּילדער פֿון אַלע זײַטן. שֵם[7] יאָגט זיך אַרום, האָט נעבעך נישט קיין מנוחה, קיין חיי־שעה, ער קוקט די אַלע בהמות אָן און קראַצט זיך פֿאַר צרות... ניט אויסצושטיין פֿון אַזאַ פּעקל הונגעריקע פּאַרשוינען, אָנבאַפּערס, חיות רעות, ווילדע נפֿשות — בידנע נשמה! וואָס זאָל איך דיר נעבעך טאָן, אַז אַרום און אַרום זע איך נישט פֿאַר מיר עפּעס, אויף וואָס דו זאָלסט קענען בלײַבן שטיין און פֿאַרברענגען עטלעכע גוטע מינוט.

5 ׳אַך, ווי ווערט מען אַ בײַבאַק! ווי באַקומט מען עפּעס אַ נאָרע אַרײַנצוקריכן אַהין, צומאַכן די אויגן און איבערשלאָפֿן די שלעכטע צײַט!׳

6 — אָ, גאָט! הייב איך אָן צו בעטן מיט דעם געוויסן פּסוק פֿון עוואַנגעליום: ׳דאָס פֿייגעלע האָט איר נעסט, אויך דער פֿוקס האָט אַ לאָך און דער מענטש נעבעך האָט ניט ווו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן׳.[8]

7 מײַן תּפֿילה איז דערהערט געוואָרן.

8 איבער דעם לײַב לויפֿט מיר איבער עפּעס ווי אַ קאַלט ווינטעלע. דאָס בלוט הערט אויף צו קאָכן, דאָס האַרץ קלאַפּט שטילער, שטילער, און עס באַפֿאַלט מיך עפּעס ווי אַ דרעמלען. עפּעס קנייטשט מיך, קאָרטשעט מיך און (איך) פֿיל אַ פֿאַרענגערונג אין אַלע מײַנע גלידער: מײַנע הענט שטרעקן זיך אויס ווי אַ פּאָר לאַפּקעס, אויף זיי פֿאַלט אַנידער מײַן פּלאַטשיק קעפּל, אויסציִענדיק זיך מיט אַ מאָרדעלע, מיט אַ נעזל אַ פּײַפּנדיקס און קוק פֿאַרשלאָפֿן מיט אויסגעשטשירעטע אייגלעך גלאַט אַזוי זיך אין דער וועלט אַרײַן, אָן אַ שום פּיצל געדאַנק אין מוח און אָן אַ פּיצל געפֿיל אין האַרצן, טאַקע אַן עכטער בײַבאַק, וואָס דענקט און פֿילט נאָר מיט דעם בויך און וואָס די גאַנצע חכמה זײַנע באַשטייט בײַ אים נאָר אין קישקע. עפּעס גאָר נישקשהדיק, כ׳לעבן! איך ווייס, אמת טאַקע, נישט פֿון מײַן לעבן צו זאָגן, אויף וואָס פֿאַר אַ וועלט איך בין, נאָר דערינען ליגט ערשט אָבער דער גאַנצער טעם, די גרויסע הנאה. עפּעס איז אַזוי מחיה גוט צו ליגן ווי אַ לעבעדיקע קלאָץ, נאָר צו מאַכן מיט די זײַטן, צוהערן ווי דאָס נעזל פּײַפּט און דאָס מעגענדל קאָכט. שונאים, איך

ווינטש איך אָסור ניט קיין שלעבטס, אויף איך אַלע געזאָגט געוואָרן אַזאַ לעבן!

9 טרו־טרו־טרו! הערט זיך פּלוצים אַ טרובען ווי מיט אַ שופֿר. מײַנע אויערלעך שטעלן זיך אויף, איך סמאַרע מיט דעם נעזל און מיר דאַכט זיך אַן אָכאָטניק![9] איך ציטער פֿאַר מײַן הײַטל, קריך אויף מײַן בײַכל און קוק אויס כיטרע מיט די אייגלעך טאָמער איז דאָ עפּעס אַ נאָרע ווו זיך אַרײַנצוכאַפּן איבערזיצן די מסוכּנע צײַט. איך קריך אײַנהויקערנדיק זיך אין צענטן, קריך און קוק. שלעכט, נישטאָ פֿאַר מיר קיין באַהעלטעניש און דאָ טרובעט מען און מע טרובעט אַלץ ווײַטער טרו־טרו־טרו! די נשמה הענגט מיר אויף דעם שפּיץ נאָז פֿאַר שרעק. צומאַכנדיק די אויגן טו איך אַ מאַך מיט דער לאַפּקע: 'טאַ, אין דײַן האַנט, גאָט, באַהאַלט איך מײַן פֿעלכן!'

10 'ישׂראליק, דו ביסט אַ בײַבאַק!' — רופֿט זיך איינער עפּעס לעבן מיר אָן, דערלאַנגענדיק מיר אַ שנאָל אין נעזל, אַזוי, אַז מיר איז ליכטיק געוואָרן אין די אויגן, וועלכע איך שטעל אויס און קוק דעם נײַעם פֿאַרשוין אין פּנים אַרײַן אָן פּחד, אָן פֿאַרוווּנדערונג, גלײַך ווי אַלצדינג, וואָס פּאַסירט זיך דאָ מיט מיר און אַרום מיר איז גאַנץ רעכט, אַזוי געהער צו זײַן על־פּי שׂכל און על־פּי דרך־הטבֿע. ס'איז מיר אַפֿילו ניט קיין פּליאה, ווער זאָל דער אומבאַקאַנטער אַזוינס זײַן? וואָס פֿאַר אַ מחותּן ער איז מיט מיר! מסתּמא, אַז ער איז דאָ באַדאַרף ער דאָ זײַן, אַז ער גיט מיר אַ שנאָל, מסתּמא באַדאַרף ער שנעלן, און איך דאַרף דעם שנאָל מקבל־באַהבֿה זײַן. בײַ אַ בײַבאַק איז אַלצדינג רעכט, אים רײַמט זיך אַלצדינג, ער דערקענט עפּעס אַ זאַך נאָר בשעת זי וואַרפֿט זיך אים אין די אויגן, אָדער דערלאַנגט אים אַ קלאַפּ, אַ קניפּ אין בויך. קוים פֿאַרשווינדט זי, הערט זי פֿאַר אים אין גאַנצן אויף צו זײַן, ער פֿאַרגעסט אויך באַלד טאַקע דעם קלאַפּ, לעקט אָפּ מיט דעם צינגל דעם ברוין־בלויען צייכן אויפֿן לײַב און ליגט זיך ווײַטער גאַנץ רויִק מיט אויסגעשטשירעטע גלעזערנע אויגן.

11 — דו ביסט אַ שיין בײַבאַקל, ישׂראליק! — רופֿט זיך דער פֿאַרשוין ווײַטער אָן, שאָקלענדיק אויף מיר מיט דעם קאָפּ. — 'מזל טובֿ דיר מיט דעם נאָמען'.

12 — גם אתּם. מיט מזל זאָלסטו לעבן! — ענטפֿער איך און מײַנס אַ לאַפּקע הויבט זיך עפּעס גאָר פֿון זיך אַליין אויף, אָפּצושטעקן דעם פֿאַרשוין אַ שלום־עליכם.

13 — אַ ייִד בלײַבט אַ ייִד, אַפֿילו ווען איר נעמט אויף זיך אָן דעם בײַבאַק — מאַכט יענער מיט אַ שמייכעלע אַוועקשטופּנדיק פֿון זיך מײַן לאַפּע. — הער זשע, ישׂראליק! עס רײַסט מיר מײַן האַרץ זעענדיק דיך אין דײַן איצטיקער לאַגע און (איך) מוז מיט דיר זיך אויסשמועסן. נאָר לאַנג טענהן וועל איך דאָ מיט דיר נישט. איך ווייס אַלצדינג: דײַנע אַלע הנהגות, דײַנע ווייטיקן, אינעווייניקסטע און זײַטיקע, דײַנע בקשות און דײַנע פֿאַרלאַנגען (!). מילא, דיר ווילט זיך זײַן אַ בײַבאַק, נו — זייער שיין, בײַבאַקעס זײַנען ברוך השם דאָ גענונג אויף דער וועלט חוץ דיר אויך. נאָר יענע איז אָבער גוט צו זײַן בײַבאַקעס בײַ אַן אייגענער נאָרע מיט פֿיל שפּײַז, וואָס זיי האָבן עס בירושה

פֿון זייערע עלטערן און אײדער זיי זײַנען נאָך געבוירן געוואָרן איז שוין פֿאַר זיי געשטאַנען גרייט אַ פֿאַרטיקע וואַרעמע נאָרע מיט כּל טוב. דו אָבער ביסט דאָך צווישן בײַבאַקעס אַ בײַבאַק, שטרעקסט זיך אויס גלאַט ווו עס פּאָפּאַדיעט זיך, גאָרנישט אין דײַן ווינקל און שלאָפֿסט זיך אויף גאָטס באַראָט, ניט אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז דו ביסט אין סכּנה יהיה מי שיהיה זאָל דיך ניט פּלוצים איבערפֿאַלן און אַראָפּשינדן דיר דאָס פֿעלכן.

14 — 'ער דרעמלט ניט און שלאָפֿט ניט דער שומר ישׂראל' — ענטפֿער איך מיט דעם געוויסן פּסוק.[10] גאָט זאָל פֿאַר מיר זיך זאָרגן.

15 — ישׂראליק! — טוט ער זיך אַ בייזער — אַזוי רעדט אַ ווילדער משוגענער בײַבאַק. קיין פֿילאָסאָפֿיע פֿאַר אַ בײַבאַק האָב איך ניט און זי קען אַנטקעגן אים גאָר ניט העלפֿן. איינס פֿון די צוויי קומט דיר אויס: אָדער פֿאַרבײַבאַק זיך מיט די אַלע אַנדערע פֿונעם היגן ווינקל, וועסטו ווי אַן אייגענער האָבן אַ מקום מנוחה אין זייער נאָרע, אָדער...

16 — ניין — פֿאַל איך אים אַרײַן אין די רייד — פֿאַרבײַבאַקען זיך מיט זיי איז זייער שווער. מיר זײַנען פֿון פֿאַרשיידענע מינים. אָפּגעשונדענערהייט וועט מען מיך דערקענען, אַז איך בין פֿון אַן אַנדער מין.

17 — אָדער — ענדיקט דער פּאַרשוין זײַן שמועס, באַטראַכטנדיק מײַן געשטאַלט, מײַן נאָז און מײַנע האָר מיט אַ שמייכעלע — אָדער ווען דו ביסט צום שלימזל אַן אַנדער מין און מוזט זיך האַלטן אָפּגעזונדערט, זוך זשע פֿרײַער אויס עפּעס אַ שטיקל נאָרע באַזונדער פֿאַר דיר. איך וועל דיך דרינגען באַהילפֿיק זײַן. נו? ווו ווילסטו ערגעץ?

18 — ווייס איך? — גיב איך אַ זאָג זיך קראַצנדיק מיט דער לאַפּקע — לאָז אפֿשר זײַן דאָרט פּאַ־פּאַ־פּי־הי־פּיט!

19 דאָס לעצטע וואָרט, וועלכעס איך האָב געוואָלט אַרויסריידן איז נבֿלע געוואָרן אין אַ הילכעדיקן פֿײַף אויף בײַבאַקסקע, אַזוי, אַז איך האָב מיך אַליין איבערגעשראָקן.

20 — נישקשה — שמייכלט יענער — איך פֿאַרשטיי, וואָס דו מיינסט. פֿאַר בײַבאַקעס קומט עס אויס שטאַרק געפּײַפּט... רוף עס בעסער בײַבאַטשעווע.

21 — עפּעס טאַקע אַקוראַט, כ'לעבן, ווי געוווּנטשן! — שמאָך איך פֿאַר גרויס הנאה.

22 — פּשיטא! — מאַכט יענער פֿאַרקרימענדיק זיך. — טרעפֿסט אַקוראַט ווי אַ בלינד פֿערד אין גרוב אַרײַן. יענץ איז שוין הײַנט אַ וועלט־בײַבאַטשעווע, אַ בית־עולם, דער וועלטס הייליק אָרט, וואָס שמעקט מיט צידוק־הדין און קבֿרות בלעטלעך.

23 — דו ביסט אַ לץ — עפֿן איך אויף אים אַ מויל — נאָר דאָרטן טאַקע איז מײַן אָרט.

24 — והשנית — רעדט זיך יענער אַלץ ווײַטער, גאָרנישט מאַכנדיק זיך אויס מײַנע ווערטער — והשנית, האָב איך מורא, דאָרט קענסטו בלײַבן אויף אייביק טאַקע אַן אמתער בײַבאַק.

25 — וואָס איז דאָ אַזאַ פֿאַר אַ חסרון אַ בײַבאַק! — זאָג איך באַליידיקנדיק זיך אַ ביסל. מיינענדיק, אַז דאָס, וואָס איך בין אַצינד, אַזוי בין איך פֿון אייביקע יאָרן טאַקע געווען.

26 — נישטאָ, מישטיינס געזאָגט, מיט וועמען צו ריידן — קרעכצט יענער, שאָקלענדיק אויף מיר מיטן קאָפּ.

27 — זאָל דאָס מיך אָנהייבן צו אַרן, וואָס אַ שׂונא רעדט — פֿײַף איך הילכנדיק אויס און שטעל אַרויס די ציין.

28 — ביסט אַ גוטער סווישטש נישקשה, אַ פֿײַפֿער טאַקע גאָר אַן אַנטיק! זאָגט יענער, קלאַפּנדיק מיט אַ פֿינגער איבער מײַן קעפּל.

29 — לייג מיר ניט קיין פֿינגער אין מויל — ברום איך מיט פֿאַרדראָס און טו מיך טאַקע אַ לאָז אים אַ ביס צו טאָן.

30 — שאַ, בײַבאַק, רויִקער אַ ביסל! — מאַכט יענער גאַנץ קאַלטבלוטיק. הייבט מיך אויף פֿאַרן שפּיץ נעזל, האַלט מיך אַ ווײַלע הענגענדיק אין דער לופֿט און טוט מיך דערנאָך אַ שלײַדער צוריק אויף מײַן אָרט.

31 איך פֿיל אין מיר אַ גאַנצע איבערקערעניש, אַליין נישט צו וויסן, וואָס פֿאַר אַ מין נפֿש איך בין. עפּעס נישט דאָס, נישט יענץ.

32 — לעת־עתּה — רופֿט זיך יענער אָן — איז נאָר אַן עבֿירה די רייד, מיר וועלן הערן שפּעטער אַ ביסל, וואָס דו וועסט זאָגן. דו ביסט נאָר אַ בריה מיט דעם מויל. איך קען דיך נישקשה גוט, ישׂראליק.

33 — האַ, וואָס? — פֿרעג איך טאַמעוואַטע, אויסרײַבנדיק די אויגן — מה שמכם, פֿעטער?

34 — גבֿריאל המלאך.

35 — זייער אָנגעלייגט, כ׳לעבן — זאָג איך, עפּעס אַזוי לעקישעוואַטע און שיט אים אָפּ מיט נײַן מאָס שאלות עכט ייִדישלעך: — פֿון וואַנען? וווּהין? וואָס טוט מעלתו דאָ? האָט מעלתו עפּעס אַן עסקל?

36 מײַן גבֿריאל ברומלט אונטער דער נאָז, שטיקנדיק זיך פֿאַר געלעכטער און רעדט עפּעס גאָר תּרגום.

37 — רעדט מיט מיר, איך בעט אײַך, פּראָסט אויף אונדזער לשון, ניט קיין תּרגום.

38 — תּרגום איז מײַן מוטערשפּראַך — ענטפֿערט גבֿריאל. — איך שטאַם אייגנטלעך פֿון בבֿל, פֿון וואַנען דײַנע עלטערן האָבן מיך פֿאַרצײַטן מיט זיך פֿאַרפֿירט אין זייער לאַנד און בין געווען זייערס אַ גאַנצער כאָדאַטײַ.[11] (איך בין פּרעזידענט אין דער קאָמיסיע מכּוח דעם ייִדישן וואָפּראָס[12] דאָרט אויבן און עס קומט מיר אַ מאָל אויס אין דעם ענין צו ריידן תּרגום...

39 — וואָס פֿאָרט, אדוני פּריץ — בין איך טשיקאַווע צו וויסן — הערט זיך עפּעס דאָרט אין דער קאָמיסיע? וועט זי באַלד שוין נעמען אַן עק?

40 — מיט דיר אין איינעם — ענטפֿערט ער מיט אַ געלעכטערל. האָב צײַט, ישׂראליק! מעגסט גאַנץ זיכער זײַן, אַז זי וועט דיך איבערלעבן. מילא, דאָס

אין דער זײַט. לאָמיר בעסער ריידן עסק. וְשָׂרְיוּת שׁוּתָא,[13] איך האָב אַן אוקאַז[14] פֿונעם אדון הגדול דיך, ישׂראליק, צו פֿאַרזאָרגן.

41 — יִישר כּוח! דער אַלטער טאַטע האָט פֿאָרט זיך אין מיר דערמאָנט. וואָס מאַכט ער עפּעס דער אַלטער?

42 — נישקשה, דער אייגענער וואָס פֿריִער. ער גריסט דיך גאָר פֿרײַנדלעך און בעט דו זאָלסט נאָר קיין שלימזלניק נישט זײַן. וואָס מאַכסטו עפּעס, ישׂראליק?

43 — בע... איך מאַך מיט דער נשמה. קיין געשעפֿטן איז הײַנט ניטאָ. דער מסחר איז געפֿאַלן, דער קורס ליגט אין דער ערד, מען זעט ניט קיין גראָשן לייזעבץ, ווייץ האָט אויפֿגעהערט, פֿרישע אָנזעצן אַלע טאָג, אויס קרעדיט, נישטאָ קיין דרײַער... דעם גערוס בין איך מוחל, האָט ער בעסער געשיקט עפּעס געלט?

44 — וואָס הערט זיך בעסער, ישׂראליק, מכּוח די קלעפּ? פֿאַרשטייסטו מכּוח די פּעטש?

45 — עט... דאָס איז באַזונדער זיך אַ זאַך... אַך־כאַ־כאַ־אַך, אויפֿן מאַרק איז פּשוט גאָר ניטאָ וואָס צו טאָן. הײַנט, מיין איך, מוז זײַן גאָר בײַ אײַך אויפֿן הימל אַ יריד. אי־אי־אי! וואָס מאַכן דאָרט עפּעס אחינו בני ישׂראל?

46 — וואָס מאַכן ייִדן, מעשׂים? זיצן אויפֿן בולוואַר לעבן דעם אַלטן דוואָרעץ,[15] לאָזן זיך געבן עסן לוויתן, אַ פֿאַרציע שור הבר און פֿאַרטרינקען אַ כּוסה. אָדער זיצן אַוועק שעהן לאַנג אויף בענקלעך גלאַט אַזוי און האָבן הנאה פֿונעם קוקן אויף דער שיינער שכינה, וואָס שוועבט אַרום, שפּאַצירנדיק דאָרט.

47 — הערסטו גבֿריאליקל — גיב איך מיר פּלוצים אַ כאַפּ בשׂמחה — זײַ, כ׳לעבן, אַ גוטער ברודער. איך האָב דיר פֿירצולייגן אַ גוט געשעפֿטל.

48 — אפֿשר אַ שידוך? — לאַכט גבֿריאל, אָנקוקנדיק מיך. — איך ווייס דאָך, ישׂראליק, דו האָסט זייער ליב צו ריידן אַ שידוך. ניין, ישׂראליק, ראשית, איז אַ ייִדישער מלאך נישט ווי די גרעקישע אַ מאָל, וואָס פֿלעגן חתונה האָבן, לעקן האָניק און עסן אַ צימעס פֿון אַמבראָזיע. והשנית, בין איך, ווי אַלע אַנדערע ייִדישע מלאכים, אַ קבצן, דין אָן זשאַלאָוואַניע,[16] עס ניט און גיי, ווי דו זעסט מיך, נאַקעט און באָרוועס.

49 — פֿי — האָב איך געמאַכט מיט אַ קרים, אַוועקקערנדיק דעם קאָפּ אין דער זײַט. אויב אַזוי... וואָס־זשע איז מיט אים אַזוי דער ייִחוס! וואָס טויג הײַנטיקע צײַטן אַ מלאך אַפֿילו אָן געלט? — קיין געשעפֿטן וועל איך שוין מיט אים ניט מאַכן. איבעריקנס, טאַ! — ניין, גבֿריאליק, רוף איך מיך אָן, אַן אַנדער געשעפֿטל מיין איך, אַ מעקלעריי. טאָמער וואָלט אַ סבֿרה געווען, דו זאָלסט צונעמען מיט זיך אַהין צו אויבן עטלעכע פֿאַרשווינדלעך און אויסאַרבעטן דאָרט פֿאַר זיי שטעלן. אַ גרויסע מצווה, כ׳לעבן. די גאַנצע וועלט וועט דיר דערפֿאַר שטאַרק דאַנקען, און מיר וואָלטן דערצו אויך נישט צוגעלייגט.

50 — אַזעלכע זאַכן געהערן זיך אָן דעם מלאך המוות. אי דאָס בין איך מסופּק אויב ער וועט עס טאָן. לאַקייען אין גן־עדן זײַנען דאָ שוין פֿיל מער ווי הערן און דאַמען. אַלע רוקן זיך הײַנט אין גיהנום. דאָרט איז נישט לאַנג געווען

אַפּילו עטלעכע וואַקאַנסן[17] אויף שמײַסערס, נאָר זיי זײַנען שוין פֿאַרנומען [סוואָרין, פּיכנאַ, אַ קרייץ מיט זייער כּנופֿיה, שמײַסן דאָרט אויף וואָס די וועלט שטייט].

51 — ווייס איך, וואָס ער רעדט! — מאַך איך פֿאַרוווּנדערט — די דאָזיקע אַלע פֿאַרשוינען זײַנען דאָך דאָ, גיבן אַרויס גאַזעטן. מען האָט פֿון זיי צו זינגען און צו זאָגן.

52 — דאָס זײַנען נאָר גופֿלעך אָן נשמות, זייערע נשמות זײַנען שוין לאַנג ניט אויף דעם עולם. לוציפֿער קוועלט גאָר אָן פֿון זיי, אַזעלכע שמײַסערס — זאָגט ער — האָט ער נאָך קיין מאָל נישט געהאַט... נו, טפֿו זאָלן זיי ווערן. זאָג מיר בעסער, ישׂראליק, ווי ווילסטו זאָל איך דיך פֿאַרזאָרגן? זאָג דעם ריינעם אמת.

53 — אַזוי, דעם ריינעם אמת? — זאָג איך און פֿיל בשעת מעשׂה ווי איך ווער טאַמעוואַטע — אָ, ראשית חכמה, וויל איך עפּעס אַ פּרנסהלע, און ווײַטער ווייס איך?... עס זאָל זײַן בכלל גוט. שענקלעך, פֿאַרלײַען אויף פּראָצענט, האַנדלען מיט שמאַטעס, פֿאַקטערעווען און נאָך אַזעלכע מלאכות וואָלט איך גערן אַפֿילו מוחל געווען אַנדערע. גענוג! זאָלן אַנדערע שוין אַ ביסל מיט אַזעלכע זאַכן זיך אָפּגעבן.

54 — גאַנץ גוט. אַצינד דענק דיר ישׂראליק, אַז דו ביסט שוין אָפּגעריכט געוואָרן און דערגרייכט דײַן ווונטש: דו ביסט שטאַרק רײַך, אַ גבֿיר מפֿורסם, אַ גרויסער בעל־שפֿע מיט אַ שאַרפֿער פּרנסה, נו און אַהין?

55 — וווּ אַהין? אַ־אַ, קיין פּאַ־פּאַ־פּיהי־פּיהיט! (ווײַטער מיט אַ פֿײַף) מהיכה תיתי, זאָלן זיך אַהין גיין אַנדערע אויב זיי ווילן.

56 — און געלט אויף הוצאות און די אַלע הצטרכותן דאָרט?

57 — און געלט? געלט זאָלן זיי מוחל זײַן אַליין צו באַקומען.

58 — און דו?

59 — און איך... פֿאַר וואָס?... אַ גוטער משׂא ומתן, כ'לעבן. מיר וועט דאָך דאָ אויך גוט זײַן!

60 — און אַנדערע פֿאַראָנדקעס אַ ביסל און דײַן באַלעבאַטישקייט דאָ און דײַנע איבעריקע ענינים?

61 — צו וואָס? זאָל בלײַבן אַלצדינג ווי געווען. איך פֿאַרשטיי ניט, וואָס פֿעלן דען די איצטיקע?

62 — און מכּוח צדקה געבן און וויסן מיט אַ שׂכל ווי און אויף וואָס צו געבן, אין זינען צו האָבן שולן, ביקור־חולים, [זיי זאָלן] זײַן ווי געהעריק איז, אין זינען צו האָבן ישיבֿות, תּלמוד־תּורה, צו פֿאַרזאָרגן זיי מיט אַלע נייטיקע זאַכן ווי מען [באַדאַרף...] קינדער זאָלן דאָרט ווערן לײַט און קענען דערנאָך פֿאַרדינען זייער ברויט בכּבֿוד און אין זינען האָבן אַ... זאַכן אַ ביסל געלט אין דער צוואה?

63 — עפּעס רעדסטו (!) מיט מיר תּרגום! פֿאָדערסט פֿון מיר עפּעס אַזוינס, וואָס איך הויב עס גאָרניט אָן [צו פֿאַרשטיין...].

64 — אַצינד — טוט ער אַ געשריי מיט כּעס — אַצינד, אַז ער מיינט דאָס מאָל שפּילט אים, איז ער שוין... אַביסל וואָס האָסטו געפּײַפּט? — בײַבאַק!

65 — וואָס בײַבאַק? ווער בײַבאַק? מאַך איך קלוימערשט פֿאַרוווּנדערט און כאַפּ מיך געשווינד בײַ...

66 — דו האָסט געוואָלט זײַן אַ בײַבאַק, נו בלײַב־זשע טאַקע אַ בײַבאַק, אַז דו קענסט נאָר פּײַפֿן [לְקַשִׁישׁוּתָא[18] האָט ער זיך שרעקלעך צעבייזערט] אויף אַ כאַלדייִשן זשאַרגאָן. דערלאַנגענדיק מיר דערבײַ אַ גוטן זעץ, אַזש מיר האָט [פֿאַרכאַפּט דער אָטעם?].

67 — אָ, דו קבצן! — צעבייזער איך מיך, טאַפּנדיק די קעשענע און אַרויסזעענדיק... געוואָרן קיין גראָשן. ס׳איז נאָר דבֿרים בטלים, פֿאַלשע הבֿטחות. ער וועט... מיך דערווײַל ניט קראַנק מאַכן מיט דײַן בַּקְשׁוּתָא.[19]

68 — טרו־טרו־טרו! טרובעט ער מיט זײַן שופֿר מיר גלייך אין [אויער אַרײַן (?) כאַפּט מיך פּלוצים פֿאַר דער נאָז, הויבט מיך אויף הויך] הויך און שלײַדערט אַראָפּ מיט אַ געשריי: בְּאַדְשְׁתָּא![20]

69 עס גייט מיר איבער אַ פֿראָסט איבער דעם לײַב, איך טו מיך אַ כאַפּ (בײַם קאָפּ און האָב געעפֿנט דערבײַ די אויגן).

70 די מאַמע מײַנע זיצט לעבן מיר אויפֿן דיוואַן, כליפּעט און ברעכט די הענט:

71 — ווײ איז מיר, ישׂראליק, דו ביסט נעבעך קראַנק! איין גאָט נאָר [זאָל רחמנות האָבן אויף דיר, מײַן טײַערער, מײַן בידנער ישׂראליק!].

## הערות

1 דניעווניק: טאָגבוך.
2 סקאָטינעס: בהמות.
3 פּאָגאָדע: וועטער.
4 אין ניגלעזשע: נאַקעטערהייט.
5 זלידניע: אַ צוטשעפּעניש, אַ שלאַק.
6 פּאַדיעט: פֿאַלט.
7 שֵׁם: ׳ויהיו בני־נח היוצאים מן־התבה שם וחם ויפת׳ (בראשית ט׳ 18).
8 מתיא ח׳ 20: האָט ישוע צו אים געזאָגט: די פֿוקסן האָבן היילן, און די פֿייגל פֿון הימל האָבן נעסטן, אָבער דער בן־אָדם האָט ניט ווו זײַן קאָפּ אַנידערצולייגן (אויך: לוקאַס ט׳ 58; לויט דער איבערזעצונג פֿון חיים אײַנשפּרוך, באַלטימאָר 1959).
9 אָכאָטניק: יעגער.
10 תּהלים קכא 4: הנה לא־ינום ולא יישן שומר ישראל.
11 כאָדאַטײַ: מליץ־יושר, שתדלן.
12 וואָפּראָס: שאלה.
13 וְשָׁרְיוּת שׁוּתָא: אַראַמיש, מיינט: פּתיחת הדיבור. פֿון דער ערשטער שורה אינעם פּיוט ׳אַקְדָּמוּת מִלִּין׳, וואָס מען איז נוהג זאָגן מיט אַ ספּעציעלן ניגון דעם ערשטן טאָג שבֿועות.

14 אוקאַז: באַפֿעל, פֿאַראָרדענונג.
15 דוואָרעץ: שלאָס.
16 זשאַלאָוואַניע: געהאַלט, שׂכר.
17 וואַקאַנס: אַ ליידיקע שטעלע.
18 לְקַשְׁישׁוּתָא: אַראַמיש: ביזן עלטערן זיך, פֿון דעם פּיוט 'אַקדמות מילין', פֿערטע שורה, זע אויבן באַמ' 13.
19 בְּקְשׁוּתָא: בקשה, לויטן נוסח פֿונעם אויבן דערמאָנטן פּיוט.
20 בְּאַדְשְׁתָּא: שטילקייט. פֿונעם אויבן דערמאָנטן פּיוט, 18טע שורה. געמיינט, משמעות: שטיל זאָלסטו ווערן!